# אייסיס הרג'עט בריטישן געפאנגענעם; סטראשעט מיט נאך מארדן

די איסלאמישע אייסיס רוצחים האבן מוצ"ש פארעפענטליכט א ווידיא וואס ווייזט אז זיי האבן אפגעהאקט דעם קאפ פון דעם בריטישן הילף ארבייטער דעיוויד העינס, וועלכער איז פארכאפט געווארן אין סיריע פאר א יאר. מוצ"ש שפעט ביינאכט האט דער בריטישער פרעמיער מיניסטער דעיוויד קאמעראן באשטעטיגט דעם ברוטאלן מארד, וואס ער האט שטארק פארדאמט, צוגעבענדיג אז זיין "הארץ גייט אויס פאר זיין פאמיליע וועלכע האבן ארויסגעוויזן אויסערגעווענליכן קוראזש און שטאנדהאפטיגקייט".

קאמעראן האט אויך פארשפראכן: מיר וועלן טאן אלעס וואס איז אין אונזער מאכט אפירצוזוכן די דאזיגע מערדער און פארזיכערן אז זיי שטייען פאר יוסטיץ, נישט קיין חילוק ווי לאנג דאס וועט דויערן.

דער ווידיא איז אפירגעקומען בלויז איין טאג נאכדעם ווי די העינס פאמיליע האט פרייטאג צו נאכטס פארעפענטליכט א ביטע צו די אייסיס פארכאפער פון זייער זון, אז זיי זאלן זיך פארבינדן מיט די פאמיליע.

עס איז שוין דער 3'טער ברוטאלער מארד פון איינעם פון די מערב וועלט משכונות וואס אייסיס האבן פארכאפט, און פרעזידענט אבאמא האט אויך שטארק פארדאמט דעם "בארבארישן מארד" פון העינס. אבאמא האט דערקלערט אז אמעריקע שטייט אינאיינעם "מיט אונזערע נאענטע פריינד און אליאירטע (ענגלאנד) אין טרויער אין אנטשלאסענקייט". ער האט אויך פארשפראכן צו ארבעטן אינאיינעם מיט ענגלאנד און א ברייטע קאאליציע לענדער פונעם ראיאן און פון איבער די וועלט צו ברענגען די רוצחים צו יוסטיץ, און אפצושאפן און פארניכטן דעם געפאר צו אלעמען, צו די מענטשן פון אונזערע לענדער און אויך צו מענטשן פון ראיאן און פון די גאנצע וועלט.

דער פרישער מארד איז געקומען נאכדעם ווי אבאמא האט מיטוואך ביינאכט געגעבן זיין שארפע רעדע אין וואס ער האט פארגעשטעלט א מעגליכן מיליטערישען קאמפיין עווענטועל צו פארניכטן די איסלאמישע מיליטאנטן. אין דעם ווידיא וואס ווייזט דעם העינס מארד, האבן די טעראריסטן געסטראשעט צו הרג'ענען נאך א בריטישן געפאנגענעם. יענער איז זונטאג נאכט אידענטיפיצירט געווארן אלס עלען הענינג, א 47 יעריגער בריטישער טעקסי דרייווער וועלכער איז געפארן קיין סיריע צו העלפן די דארטיגע פליטים.

בײדע געפאנגענע זענען געווען געקליידעט אין אראנדזש ארעסטאנטן קליידונג, און זענען געשטאנען אין א סיריער מדבר, ענליך צו די ווידיאס וואס מ'האט געזען פון פאולי און סאטלאף, די 2 אמעריקאנער זשורנאליסטן וועלכע זענען פריער גע'הרג'עט געווארן.

דער ווידיא האט געטראגן דעם טיטול "א מעסעדזש צו די אליאירטע פון אמעריקע". דער מערדער האט אויסגעזען צו זיין דער זעלבער פארמאסקירטער מאן וואס רעדט מיט א בריטישן אקסענט און פאכעט מיט א מעסער אזוי ווי אין די פריערדיגע ווידיאס. ער ווארנט די בריטישע רעגירונג אז איר פארבאנד מיט אמעריקע וועט "בלויז פארשנעלערן אייער פארניכטונג" און עס וועט אריינשלעפן דאס בריטישע פאלק אין "נאך א בלוטיגע און אומגעווינבארע מלחמה".





ענגלאנד איז געווען פון די ערשטע לענדער וואס האבן זיך אנגעשלאסן אין די אמעריקאנער אנגעפירטע קאאליציע קעגן אייסיס.

מ'האט אויך געבעטן העינס פארצולייענען א סטעיטמענט, אזוי ווי ביי די פריערדיגע משכונות. העינס זאגט אז ער האלט קאמעראן "אינגאנצן פאראנטווארטליך פאר מיין הינריכטונג", ווייל ענגלאנד איז "פרייוויליג אריין אין א קאאליציע מיט אמעריקע קעגן די איסלאמישע מלוכה. ליידער, איז עס אונז, דאס בריטישע פאלק, וואס וועט אין די ענדע באצאלן דעם פרייז פאר אונזער פארלאמענט'ס זעלבסט-דינענדע באשלוסן", זאגט העינס אין דעם פילם ווען זיין מערדער שטייט העכער אים.

דער רוצח זאגט אויך אינעם ווידיא אז העינס באצאלט דעם פרייז פאר ענגלאנד'ס באשלוס צוצושטעלן וואפן פאר די קורדישע פעשמערגא קעמפער וועלכע באקעמפן די איסלאמישע גרופע אין צפון איראק. ער רעדט אויך פון די אמעריקאנער באמבארדירונגען אויף די איסלאמישע קעמפער נעבן א דאמבע אין מערב איראק וואו אמעריקע האט אנגעהויבן צו באמבארדירן סעפטעמבער 7, וואס דאס איז אן אנדייטונג אז דער העינס מארד איז פארגעקומען פאריגע וואך, ווען אמעריקע האט שוין באמבארדירט אין יענעם ראיאן.

די בריטישע רעגירונג האט באוויזן צו האלטן א סוד אז העינס איז פארכאפט געווארן, צוליב זארג פאר זיין זיכערקייט. ערשט ווען מ'האט געוויזן דעם ווידיא פונעם סאטלאף מארד, האט מען דאן אויך אידענטיפיצירט העינס אז ער וועט זיין דער קומענדיגער קרבן.

אין א קורצן סטעיטמענט האט די העינס פאמיליע פרייטאג צו נאכטס פארעפענטליכט א ביטע אז זיי בעטן די וואס האלטן דעיוויד, צו פארבינדן זיך מיט זיי, אבער ווארשיינליך איז שוין העינס דאן געווען טויט, און עס זעט נישט אויס ווי די רוצחים זוכן צו פארהאנדלען איבער אויסלייז געלט ווען די רעדע איז פון די איצטיגע "וויקטיגע" אמעריקאנער און בריטישע משכונות, וואס ביי די פאלן, זענען זיי אנטשלאסן צו הרג'ענען די געפאנגענע.

דער 44 יעריגער העינס איז פארכאפט געווארן אין מערץ, 13', נעבן א פליטים לאגער אין צפון סיריע, ווען ער האט געארבעט פאר א פראנצויזישע אינטערנאציאנאלע הילף אגענטור, וועלכע האט געהאלפן פאר טויזנטער סיריער וואס זענען פארוואגעלט געווארן פון זייערע הייזער צוליב די שלאכטן צווישן די אסאד קרעפטן מיט די רעבעלן גרופעס. די פראנצויזישע הילף גרופע האט אין אן אייגענעם סטעיטמענט אנהויב סעפטעמבער איבערגעגעבן אז העינס האט געארבעט אלס אן אינטערנאציאנאלער הילף ארבייטער זינט 99', ארויסהעלפענדיג פאר קרבנות פון די שלאכטן אין די באלקאן לענדער, אין אפריקע און אויך אין מיטל מזרח. פאר'ן אריבערפארן קיין סיריע, האט העינס געארבעט אין 13' אלס אן "אומפארטייאישער אומבאוואפנטער ציווילער שלום אויפארבעטער" אין דרום סודאן.

אין ענגלאנד איז באריכטעט געווארן אז העינס האט שטודירט אין סקאטלאנד, און האט געדינט 11 יאר אין בריטישן מיליטער פאר'ן ווערן אן אינטערנאציאנאלער הילף ארבייטער. ער האט געהייראט מיט א פרוי פון קראאטיע און האט געהאט 2 קינדער. (אייסיס איז אזוי נישט אינטערעסירט אין "דעת הקהל", אין זוכן גוטע פובליסיטי פאר זיך, אז זי כאפט זיך אפילו נישט אן אין די אינפארמאציע צו באשולדיגן אז העינס איז גאר געווען א בריטישער שפיאן.)

זיין איצטיגע ברוטאלע מארד וועט גאנץ זיכער שטארקן די געפילן פון בריטישן פאלק אפילו אריינצוגיין אין א מלחמה מיט אייסיס, ענליך צו דעם וואס מ'זעט אין אמעריקע, אז דער ברוטאלער מארד פון די 2 אמעריקאנער זשורנאליסטן, פאולי און סאטלאף, איז געווען א "וואלקנבראך", אז עס האט געטוישט די מיינונג פון אמעריקאנער פאלק וואס פאר א יאר איז מען נאך געווען זייער שטארק קעגן אמעריקע'ס אריינמישן זיך אין סיריע מיט געבן מיליטערישע הילף פאר די אנטי-אסאד רעבעלן, אבער היינט הערשט א שטארקער געפיל פון מלחמה, מ'זאל טאן אלעס וואס עס איז נויטיג. די איצטיגע אנקעטעס ווייזן אז דאס פאלק וויל יא א מיליטערישע אינטערווענץ קעגן אייסיס.

זונטאג האט פרעמיער קאמעראן אפגעהאלטן אן עמוירדזשענסי זיצונג מיט די מיליטערישע און זיכערהייט שעפן, איבער דעם העינס מארד און איבער דעם אנגייענדיגן געפאר אויף אנדערע בריטישע געפאנגענע. פילייכט האט זיך קאמעראן מער פערזענליך געשפירט געטראפן, ווייל דער ווידיא פונעם העינס מארד ווייזט ווי אזוי קאמעראן פארדאמט די איסלאמיסטישע באנדע, דערנאך פארדאמט דער מערדער מיט'ן מעסער ענגלאנד'ס שטיצע פון אמעריקע'ס שריט קעגן די גרופע, און דער מערדער פירט אויס, אז צוליב דעם מוז דער געפאנגענער באצאלן מיט זיין לעבן, און ער איז מקיים פסק, ער הרג'עט אים.

א צאל בריטישע פארלאמענט דעפוטאטן האבן איצט פארלאנגט אז ענגלאנד זאל אנהויבן באמבארדירן אייסיס צילן, וואס דאס איז נאך א באשטעטיגונג אז די סארט טעראר אקציעס שרעקט נישט אפ א מערב-מדינה, נאר אדרבה, עס מאבילעזירט דאס פאלק נאך שטארקער צו שטיצן נקמה אקציעס קעגן די טעראריסטן-רוצחים.

מ'זעט אויך אז אזא לאנד ווי דייטשלאנד, וואס האט זיך פריער אביסל געוואקעלט אין געבן פולשטענדיגע שטיצע פאר אבאמא'ס מלחמה פלענער קעגן אייסיס, האט איצט געמאלדן אז זי וועט אינאיינעם מיט פראנקרייך אפהאלטן אן אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ מאנטאג צו באקעמפן אייסיס. דער דייטשער אויסערן מיניסטער פראנק-וואלטער שטיינמאיער האט באצייכנט דעם העינס מארד מיט די שארפסטע אויסדרוקן, אריינגערעכנט אז דאס איז אן אקט פון בארבארישע געוואלדטאטן אויסער אלע ראמען פון מענטשליכע ציוויליזאציע, און דער פראנצויזישער פרעזידענט פראנסוא האלאנד האט געזאגט, אז דער שרעקליכער אטענטאט פון העינס ווייסט נאכאמאל דעם נויט אז די אינטערנאציאנאלע וועלט מוז זיך מאבילעזירן קעגן די פחדנים'דיגע טעראריסטן.

(פילייכט האלטן די איסלאמיסטן אויך פראנצויזישע געפאנגענע, וואס ווי עס פירט זיך אין די פאלן רעדט קיינער נישט פון די געפאנגענע ביז די טעראריסטן פובליצירן דאס.)

פראנקרייך שפירט זיך איצט מער פערזענליך באריהרט פון דעם העינס מארד, ווייל ער האט געארבעט פאר א פראנצויזישע אינטערנאציאנאלע גרופע ווען מ'האט אים פארכאפט אין סיריע.

העינס האט זיך נישט בלויז זיך אויסגעצייכנט מיט העלפן אין געפערליכע פלעצער, נאר ער האט געארבעט פאר גרופעס וואס מענטשן ווייסן אפילו נישט אז אזעלכע עקזיסטירן, וו.צ.ב.ש., אזא גרופע ווי "הענדיקעפ אינטערנעשאנאל" וואס העלפט פאר דיסעיבעלד מענטשן אין צייטן פון מלחמה, א.ד.ג.